# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

75

ארויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל
תל־אביב
1972

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# פֿאַרברענטע ערד

(דערציילונג)

ער איז געזעסן אויפֿן פֿוילנדיקן שטרוי. די צוויי טויערהעלפֿטן פֿון דער חרובֿער סטאָדאָלע זענען מער ניט געווען. אַ שטייגער, אַ שונא וואָס דרינגט אַרײַן בײַ נאַכט וואָלט אָפּגעשניטן די צוויי אויערן פֿון זײַן קרבן פֿאַר אַ סימן אַז ער איז דאָ געווען. אַ וווּנדער ווי אַזוי די דרײַ הילצערנע ווענט זענען נאָך געבליבן, בשעת אַלץ וואָס האָט געקאָנט ברענען איז דאָ פֿאַרניצט געוואָרן צום הייצן די פֿאַרפֿראָרענע הײַזקעס אין די לעצטע ווינטערטעג.

אַ נאַסער שניי איז אין דרויסן געפֿאַלן. פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַן אומענדלעכער ליידיקער שטח ווי אַ גראָע וואַנט. צײַטנווײַז האָט דער שניי אין דער לופֿט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטייענדיקן רעגן. עס האָט אויסגעזען ווי דער גראָער הימל וואָלט אַראָפּגענידערט צו דער ערד נאָכדעם ווי דער לעצטער פֿונק פֿון האָפֿענונג איז אויך געוואָרן אויסגעלאָשן.

דאָס מיידל איז געזעסן לעבן אים אויפֿן שטרוי. שווײַגנדיק נאָכגעקוקט זײַן שטאַרן בליק צום דרויסן.

לעבן אַרויסגאַנג פֿון דער סטאָדאָלע זענען געלעגן אויף דער ערד פֿיר העפֿטלינגס. כּמעט מיט טאָגאויפֿגאַנג האָט אויך דער לעצטער פֿון זיי אויסגעהויכט די נשמה. שטיל געבליבן. מיט אים האָבן די געשרייען זיך אײַנגעשטילט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געגוסטט. אַ גסיסה מיט כאָרכלענדיקע יסורים־קולות. עס האָט אויסגעזען ווי די אימהדיקע געוואַלדן פֿון זייערע הילפֿסרופֿן וועלן זיך קיין מאָל ניט ענדיקן. איצט איז שטיל.

פֿיר העפֿטלינגס. אַנטלאָפֿענע בשעת דער עוואַקואַציע פֿון אוישוויצער טויטן־מאַרש; אַנטרונענע פֿון וואַלד נאָך דער שיסערײַ. אפֿשר זענען זיי געלעגן אונטערן באַרג פֿון דערשאָסענע און דערפֿאַר איז די דײַטשע קויל צו זיי ניט דערגאַנגען. אַהער־צו, צו אָט דעם פּלאַץ, זענען זיי אָנגעקומען ווי זיי וואָלטן נאָכגעגאַנגען דעם ריח פֿון זייער טויט.

מיט צוויי טעג צוריק איז אין דרויסן אויף דעם פּלאַץ נאָך געשטאַנען אַ רויט־אַרמייִשע פֿעלדקיך. פֿעלדמאַרשאַל זשוקאָוו האָט דאָ אויף דער גיך אויסגעגראָבן אַ פּראָוויזאָרישן בונקער פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן גענעראַל־שטאַב. פֿון אָט דעם פּלאַץ איז ער אַרויס צו דער לעצטער אָפֿענסיווע אויף בערלין.

פֿיר אוישוויצער העפֿטלינגס. זיי זענען צוגעפֿאַלן מיטן אוישוויצער הונגער צו די קעסלען אין וועלכע עס זענען אַרומגעשווומען שטיקער שפּעק, זיי האָבן געשלונגען אין די שפּינוועבס־אויסגעדינטע קישקעס אַרײַן צעגאָסענעם שמאַלץ; געשלונגען אָן אויפֿהער, נאָך און נאָך. זיי זענען נאָכגעלאָפֿן דעם אַוועקפֿאָרנדיקן אויטאָמאָבֿיל מיט דער פֿעלדקיך, די קוכערס האָבן צו זיי געוואָרפֿן פֿון דער ווײַטנס די שטיקער שפּעק. אַזוי

לאַנג ווי זיי האָבן געשלונגען, האָבן זיי געלעבט. מיטן נאַכטצופֿאַל האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע יסורים־געוואַלדן.

איצט איז שטיל.

אין דרויסן איז דער האָריזאָנט געלעגן האַרט לעבן דער עפֿענונג פֿון דער סטאַדאָלע. מ׳האָט ניט געקאָנט וויסן ווי שפּעט עס איז. די צײַט איז געשטאַנען ווי אין דרויסן דער רעגן וואָס באַוועגט זיך ניט, נאָר הענגט סטאַטיש צווישן הימל און ערד.

זי האָט נאָכגעקוקט זײַן אײַנגעשטאָכענעם בליק צום אַשיקן דרויסן. פֿון דאַנען איז ניט געווען צו דערקענען קיין זכר פֿון דעם טאַנקער־עשאַלאָן וואָס שטייט דאָרט קעגן איבער אויף די באַנרעלסן. אַלץ אין דרויסן איז געווען פֿאַרהאַנגען מיט אַ ליידיקייט ווי אונטערן וואַסער. נאָר זי האָט געוווּסט: ווי באַלד דער לאָקאָמאָטיוו וועט לאָזן הערן דעם ערשטן פֿײַף, וועט ער אויפֿשפּרינגען פֿונעם שטרוי. ער וועט אַוועק אַהין, ער וועט אַרײַן דורך דער קליאַפּע פֿון אויבן אין איינעם פֿון די ליידיקע איילטאַנ־קערס און פּלוצלינג אַזוי ווי ער איז געקומען, אַזוי וועט ער אַוועק.

ער האָט דערפֿילט איר האַנט אויף זײַן אָרעם. — פֿאַרלאָז מיך ניט. — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אויסגעדרייט צו איר זײַן בליק, ער האָט געקוקט ווי ער וואָלט זי ערשט איצט דערזען. עטלעכע שטרוי האָבן רחמנותדיק געשטעקט אין אירע בלאָנדע האָר. איר יונג־צאַפּלדיק לעבן האָט אַרויסגעקוקט צו אים דורך צוויי בעטנדיקע בלויע אויגן. ער האָט ניט געוווּסט פֿון וואָס פֿאַר אַ לאַגער זי קומט, און זי האָט ניט געוווּסט פֿון וועלכן לאַגער ער קומט. וואָס איז די נפֿקא־מינה. זיי ווייסן ביידע זייער גוט פֿון וואַנען זיי קומען. זיי קאָנען זיך ווי עס קאָנען צוויי הענט דעם גוף פֿון וועלכן זיי זענען אַרויסגעוואַקסן, און זיי ווייסן אויך צו וועלכן, און צו וואָסערן וואָהין — זיי זענען אַרויס. ער האָט ניט געוווּסט איר נאָמען ווי זי האָט ניט געוווּסט זײַן נאָמען. זיי איז אַפֿילו אויפֿן געדאַנק ניט געקומען אַזוינס צו פֿרעגן. ער — אַ געוועזענער העפֿטלינג, זי — אַ געוועזענע העפֿטלינג. ביידע אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון אַ פּלאַנעט וווּ נעמען זענען ניט געווען פֿאַר די באַשעפֿענישן. איצט האָבן זיי זיך דאָ באַגעגנט; דאָ אויף דער דאָזיקער ערד. זיי זענען די ערשטע. אַ זי און אַן ער. און אָט איז די נײַע וועלט צוזאַמען מיט זייער לעבנס־פּייזאַזש אויף וועלכן זיי זענען אַרויפֿגעפֿאַלן: דרײַ ווענט פֿון אַ סטאַדאָלע מיט פֿיר שווײַגנדיקע בר־מיננס וועלכע זענען אָקערשט צוריק אַוועק פֿון וואַנען זיי זענען געקומען.

— פֿאַרלאָז מיך ניט. — האָט זי געבעטן.

ער האָט געקוקט צו איר. — איך געהער מער ניט דאָ אַהער. — האָט ער געזאָגט.

אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט גערעדט שטיל: — קיינער אויף אָט דער דאָזיקער וועלט וועט אונדז ניט קאָנען פֿאַרשטיין. בלויז מיר אַליין וועלן קאָנען פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. ווײַל די שפּראַך צווישן אונדז איז ניט די מוילשפּראַך. אָבער די אַנדערע? די פֿרעמדע? פֿון וואַנען וועלן מיר פֿאַר זיי נעמען די פֿאַרשטענדעניש, און פֿון וואַנען וועלן מיר פֿאַר זיי נעמען די שפּראַך וואָס זאָל זיי אויפֿקלערן די פֿאַרשטענ־דעניש? ווי אַזוי וועלן מיר זיי קאָנען דערמעגלעכן זיי זאָלן אונדז פֿאַרשטיין? און אויב מיר זענען איצט פֿאַרמישפּט אַרויסצוגיין צום לעבן אויף אָט דער וועלט, דאַרפֿן מיר זיך האַלטן איינער...

זי האָט ניט פֿאַרענדיקט. זי האָט געקוקט צו אים און אין אירע אויגן איז

איצט געווען יענע וועלט וואָס אַחוץ איר, בלויז ער, דער איינציקער, האָט אָט די וועלט געקאָנט. די טויערן פֿון יענער וועלט זענען געשטאַנען אָפֿענע אין אירע אויגן, דורך זיי איז ער ווידער געוואָרן דאָרט אײַנגעשלונגען. ער איז איצט ווידער דאָרט. אינעווייניק, איר גוף האָט ער מער ניט געזען. זי אַליין איז ווי פֿאַרשווונדן פֿון זײַנע אויגן.

זי האָט פֿאַמעלעך אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן שטרוי. זי האָט גערעדט שטיל, ווי עס רעדן צווישן זיך מומחים, קאָנסולטאַנטן, לעבן בעט פֿון אַ שווער קראַנקן; אַ שפּראַך וואָס בלויז זיי פֿאַרשטייען. — ניטאָ איצט מער קיין זאַך פֿאַר וועלכער איך זאָל פֿילן אַ פּחד, — האָט זי געזאָגט — בלויז איין זאַך שרעקט מיך: אויב איך וועל אַ מאָל דאַרפֿן לעבן בײַ דער זײַט פֿון אַ מאַן. אָט די אידיליע וואַרפֿט אויף מיר אָן אַן אימה. ווײַל וואָס וועלן מיר זיי קענען געבן? און ווי אַזוי וועט איינער פֿון אונדז קאָנען ליגן בײַ דער זײַט פֿון אַ מאַן, אָדער לעבן בײַ דער זײַט פֿון אַ פֿרוי, און אין דער זעלבער צײַט זיך געפֿינען אין אַ וועלט וווּהין זיי וועלן קיין מאָל ניט קאָנען אַרײַן, און מיר וועלן קיין מאָל ניט קאָנען פֿון דאָרט אַרויס?

איר האַנט אַן אויסגעשטרעקטע צו אים. פֿאַר זײַנע אויגן: אַן אָנסופֿיקער איינזאַמ־קייט־ווייַ פֿון אַ פֿונק לעבן, פֿאַרוואָרפֿן צו אַן אויסגעליידיקטן עולם־התּוהו, בענקט זיך צוצוטוליען צו זײַן מין — און געפֿינט אים ניט. אין זײַן מויל איז איצט ניט געווען אַפֿילו קיין איין־און־איינציק וואָרט וואָס ער זאָל איר קאָנען זאָגן; אַ וואָרט, וואָס זי זאָל עס ניט וויסן גלײַך ווי ער. זי איז איצט געווען העכער פֿון אים. ריין און לויטער. ריינער און לויטערער פֿון חוה פֿאַרן חטא.

זי איז געווען די ברכה וואָס אין גאָטס קללה.

אין דרויסן איז דער רעגן געוואָרן שטאַרקער, העלער און דורכזעיִקער. דער ערשטער העפּטלינג לעבן דער עפֿענונג איז מחמת די רעגנשטראָמען געוואָרן אַראָפּגע־גליטשט צו דער דרויסנדיקער וואַסער־קאַלוזשע. מען האָט בלויז אַרויסגעזען זײַן פּנים און די באָרוועסע פֿינגערשפּיצן פֿון זײַנע פֿיס. דער רעגן האָט געשווענקט אויף אים און ער האָט אויסגעזען ווי אַ מידער שווימער וואָס לאָזט דאָס וואַסער אים טראָגן אויפֿן רוקן.

אויפֿן האָריזאָנט איז נאָך אַלץ ניט געווען צו זען די קאָנטורן פֿון דעם טאַנקער־עשאַלאָן וואָס שטייט אויף די רעלסן. בלויז אויף לינקס איז שוין געווען צו באַמערקן די ברעטערשפּיצן וואָס שטעקן אַרויס פֿון זשוקאָווס פֿאַרלאָזענעם בונקער. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי פֿינגער פֿון אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום הימל, שרײַענדיק נאָך הילף.

— וואָס וועלן אַזעלכע ווי מיר זיי קאָנען פֿאָרלייגן? — האָט זי שטיל ווײַטער גערעדט — בשעת אונדזערע גופֿים זענען ווי פֿאַרברענטע, דעראָבערטע ערד, און דער קלימאַט פֿון אונדזערע נשמות וועט פֿאַר זיי זײַן ווי לופֿט אָן זויערשטאָף? און ווי אַזוי וועט איינער פֿון אונדז קאָנען אָטעמען, אויב ער וועט ניט האָבן לעבן זיך זײַנס גלײַכן צו וועמען ער זאָל קאָנען קומען, ווי עס קומט דער מידער פֿויגל אין אָוונט צו זײַן נעסט — —

ער האָט געקוקט צו איר פּנים. אירע רייד זענען מער ניט דערגאַנגען צו זײַנע אויערן. אים האָט זיך געדאַכט אַז זײַן שוועסטער דאַניעלאַ איז איצט לעבן אים אויפֿן

איצט געווען יענע וועלט וואָס אַחוץ איר, בלויז ער, דער איינציקער, האָט אָט די וועלט געקאָנט. די טויערן פֿון יענער וועלט זענען געשטאַנען אָפֿענע אין אירע אויגן, דורך זיי איז ער ווידער געוואָרן דאָרט איַינגעשלונגען. ער איז איצט ווידער דאָרט. אינעווייניק, איר גוף האָט ער מער ניט געזען. זי אַליין איז ווי פֿאַרשווונדן פֿון זײַנע אויגן.

זי האָט פֿאַמעלעך אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן שטרוי. זי האָט גערעדט שטיל, ווי עס רעדן צווישן זיך מומחים, קאָנסולטאַנטן, לעבן בעט פֿון אַ שווער קראַנקן; אַ שפּראַך וואָס בלויז זיי פֿאַרשטייען. — ניטאָ איצט מער קיין זאַך פֿאַר וועלכער איך זאָל פֿילן אַ פּחד, — האָט זי געזאָגט — בלויז איין זאַך שרעקט מיך: אויב איך וועל אַ מאָל דאַרפֿן לעבן בײַ דער זײַט פֿון אַ מאַן. אָט די אידיליע וואַרפֿט אויף מיר אָן אַן אימה. ווײַל וואָס וועלן מיר זיי קענען געבן? און ווי אַזוי וועט איינער פֿון אונדז קאָנען ליגן בײַ דער זײַט פֿון אַ מאַן, אָדער לעבן בײַ דער זײַט פֿון אַ פֿרוי, און אין דער זעלבער צײַט זיך געפֿינען אין אַ וועלט וווּהין זיי וועלן קיין מאָל ניט קאָנען אַרײַן, און מיר וועלן קיין מאָל ניט קאָנען פֿון דאָרט אַרויס?

איר האַנט אַן אויסגעשטרעקטע צו אים. פֿאַר זײַנע אויגן: אַן אָנסופֿיקער איינזאַמ־קייט־ווייַ פֿון אַ פֿונק לעבן, פֿאַרוואָרפֿן צו אַן אויסגעליידיקטן עולם־התוהו, בענקט זיך צוצוטוליען צו זײַן מין — און געפֿינט אים ניט. אין זײַן מויל איז איצט ניט געווען אַפֿילו קיין איין־און־איינציק וואָרט וואָס ער זאָל איר קאָנען זאָגן; אַ וואָרט, וואָס זי זאָל עס ניט וויסן גלײַך ווי ער. זי איז איצט געווען העכער פֿון אים. ריין און לויטער. ריינער און לויטערער פֿון חוה פֿאַרן חטא.

זי איז געווען די ברכה וואָס אין גאָטס קללה.

אין דרויסן איז דער רעגן געוואָרן שטאַרקער, העלער און דורכזעיִקער. דער ערשטער העפֿטלינג לעבן דער עפֿענונג איז מחמת די רעגנשטראָמען געוואָרן אַראָפּגע־גליטשט צו דער דרויסנדיקער וואַסער־קאַלוזשע. מען האָט בלויז אַרויסגעזען זײַן פּנים און די באָרוועסע פֿינגערשפּיצן פֿון זײַנע פֿיס. דער רעגן האָט געשווענקט אויף אים און ער האָט אויסגעזען ווי אַ מידער שווימער וואָס לאָזט דאָס וואַסער אים טראָגן אויפֿן רוקן.

אויפֿן האָריזאָנט איז נאָך אַלץ ניט געווען צו זען די קאָנטורן פֿון דעם טאַנקער־עשאַלאָן וואָס שטייט אויף די רעלסן. בלויז אויף לינקס איז שוין געווען צו באַמערקן די ברעטערשפּיצן וואָס שטעקן אַרויס פֿון זשוקאָווס פֿאַרלאָזענעם בונקער. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי פֿינגער פֿון אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום הימל, שרײַענדיק נאָך הילף.

— וואָס וועלן אַזעלכע ווי מיר זיי קאָנען פֿאָרלייגן? — האָט זי שטיל ווײַטער גערעדט — בשעת אונדזערע גופֿים זענען ווי פֿאַרברענטע, דעראָבערטע ערד, און דער קלימאַט פֿון אונדזערע נשמות וועט פֿאַר זיי זײַן ווי לופֿט אָן זויערשטאָף? און ווי אַזוי וועט איינער פֿון אונדז קאָנען אָטעמען, אויב ער וועט ניט האָבן לעבן זיך זײַנס גלײַכן צו וועמען ער זאָל קאָנען קומען, ווי עס קומט דער מידער פֿויגל אין אָוונט צו זײַן נעסט — —

ער האָט געקוקט צו איר פּנים. אירע רייד זענען מער ניט דערגאַנגען צו זײַנע אויערן. אים האָט זיך געדאַכט אַז זײַן שוועסטער דאַניעלאַ איז איצט לעבן אים אויפֿן

שטרוי, אירע בלאָנדע האָר, אירע בלויע אויגן. אַזוי ווי ער האָט זי געזען דאָס לעצטע מאָל אין געטאָ.

ער האָט געשוידערט. ס'איז אים געוועזן זייער קאַלט. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן דעם צעפּוילטן קאַצעט־לבֿוש אויף זײַן לײַב. זײַן אָפּגעגאָלטער קאָפּ איז געוועזן אַנטבלויזט. די טײַערסטע מלבושים האָט ער געקאָנט פֿאַר זיך נעמען אין די הײַזער וועלכע ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אויף זײַן וועג פֿון אוישוויץ. די דײַטשן וואָלטן מיט שׂימחה צו אים אַנטקעגנגעטראָגן אַלץ, אַבי ער זאָל מסכּים זײַן צו בלײַבן נעכטיקן אין זייער שטוב. דײַטשע משפּחות זענען איצט אַרומגעלאָפֿן זוכן אַ זכר פֿון אַן אָפּגעראַטעוועטן ייִד, אַ ייִד אין אַ דײַטשן הויז איז געוואָרן ווי אַ מזוזה וואָס היט אָפּ פֿון שלעכטס.

זי האָט געזען זײַן גוף שוידערט, און ניט באַנומען דעם פּלוצעמדיקן שינוי אין אים. זי האָט אײַלנדיק זיך אויפֿגעשטעלט, אַוועק אין ווינקל פֿון סטאָדאָלע. זי האָט אַראָפּגעצויגן פֿון איינעם פֿון די טויטע העפֿטלינגס אַ לאַנגן וואָפֿן־ס.ס.־אָפֿיצירן־שינעל, דעם קאָלנער און די ס.ס.־אָפּצייכנונגען האָבן די העפֿטלינגס פֿריִער אַראָפּגעריסן. זי האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט דעם מאַנטל. — פֿאָר ניט איצט אינעם איילטאַנקער — האָט זי געבעטן. — מיר וועלן גיין זאַלבעצווייט קיין גלײַוויץ, דאָרט וועסטו באַשליסן וועגן דײַן ווײַטערדיקן וועג.

— אויף דער דאָזיקער ערד וועל איך מער ניט שטעלן קיין טריט אויף צוריקוועג. — האָט ער געזאָגט — בלויז פֿאָרויס. און דו ווייסט וווּהין מײַן וועג פֿירט. מײַן פֿראָנטליניע געפֿינט זיך איצט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. דאָרט איז מײַן אָרט.

זי האָט געפּרוּווט אים אָפּוועגדן. — צי מוזסטו אין דײַן איצטיקן צושטאַנד און מיט אַזאַ אויסזען זיך לאָזן אין אײַלעניש אין דײַן לאַנגן ווײַטן וועג? — זי האָט געוווּסט אַז דער באַנפֿאַרקער אין פּוילן איז אין גאַנצן צעשטערט. קיין שום קאָמוניקאַציע עקסיסטירט ניט; זי האָט אויך געוווּסט אַז אָט דער טאַנקער־עשאַלאָן וואָס פֿירט ביז רומעניע איז פֿאַר אים דער איינציקער שאַנס זיך צו דערנענטערן צו זײַן ציל; נאָר זי האָט אויך געוווּסט אַז ער וועט בשום־אופֿן ניט דורכלאָזן דעם שאַנס וואָס איז אים ווי אַ מתּנה פֿון הימל אַראָפּ. — נעם מיך מיט דיר מיט. — האָט זי געבעטן.

— דער וועג איז צו סכּנהדיק, אַז דו זאָלסט אים קאָנען אַדורכמאַכן אינעם בויך פֿון אַן איילטאַנקער. — האָט ער געזאָגט.

זי האָט געשוויגן. ביידן איז געוועזן קלאָר אַז ס'איז ניט פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ סכּנה וואָס זאָל זיך קאָנען גלײַכן צום קאַלכאויוון פֿון סכּנות פֿון וועלכן זי איז אַרויס, און אין וועלכן זי איז געוואָרן אויסגעפֿײַערט. אין איר שווײַגנדיקער עלנט האָט ער געפֿילט דעם טיפֿן שטומען וויי פֿון זײַן אייגענער עלנט. ווי ער וואָלט איבערגעלאָזט זײַן אייגן לײַב פֿאַר די ווילד־אַכזריותדיקע ציין פֿון דער עלנטקייט. — שוועסטער, — איז פֿון זײַנע ליפּן אַרויס.

זי האָט צו אים אויפֿגעהויבן איר בליק. זײַן אַרויסגעפּלאַטערט וואָרט „שוועסטער" האָט פּלוצלינג אויף איר אָנגעווייעט פֿון ערגעץ ווו די לופֿט פֿון צוגעהעריקייט און משפּחה־נאָנטקייט; די לופֿט פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער וועלט. זי האָט שלינגענדיק געאָטעמט דעם אַראָמאַט פֿון אַ פֿאַרלוירענער וועלט, און מיט אַלע אויפֿגעוואַכטע פֿיבערן זיך באַהאָפֿטן צו אים. זי האָט ניט געוואָלט אַז ער זאָל איר ווידער גיין פֿאַרלוירן: —ווו וועל איך דיך געפֿינען? — האָט זי געפֿרעגט.

— דו ווייסט ווו ס'איז דער סוף פֿון מײַן וואַנדערונג. — האָט ער געזאָגט. טרערן זענען גערונען אויף אירע באַקן. עמעצער האָט שטיל אין איר געוויינט. אין דרויסן האָט דער רעגן כּמעט אויפֿגעהערט. — איך וועל מיך איצט לאָזן אין וועג. — האָט ער געזאָגט.

— בײַ דער ערשטער געלעגנהייט פֿון באַן־קאָמוניקאַציע, וועל איך נאָכקומען אין דײַן וועג. — האָט זי געזאָגט. — איצט וועל איך גיין אין דער ריכטונג פֿון קאַטאָוויץ. מעגלעך אַז פֿון דאָרט וועל איך דערגרייכן איטאַליע פֿריִער ווי דו.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען צו דער עפֿענונג פֿון דער סטאָדאָלע. אויף דער ערד, לעבן אירע פֿיס, איז געלעגן אַ געשטריִפּט אוישוויץ־מיצל וואָס האָט געהערט צו איינעם פֿון די טויטע העפֿטלינגס. זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס מיצל און אָנגעטאָן אויף זײַן קאָפּ. — ס'וועלן נאָך זײַן פּראָסטיקע טעג, — האָט זי געזאָגט. ער האָט אויסגע־שטרעקט צו איר די האַנט. זיי זענען געשטאַנען איינער קעגן איבער דעם אַנדערן. זייערע בליקן באַהאָפֿטן. — איך וויל מיר זאָלן זיך דאָ געזעגענען — האָט ער גיך אַ זאָג געטאָן — און איז אַרויס אַנטקעגן ווינט.

דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען אײַנגעהילט אין אַ ווײַסן רויך. מען האָט אים כּמעט ניט אַרויסגעזען. אין דער געדיכטער אַרומיקער גראָקייט האָט דער רויך פֿון קוימען זיך ניט אַרויפֿגעהויבן צום הימל נאָר זיך אַראָפּגעגליטשט ווי איבערלויפֿנדיקע מילך אַרום די ראַנדן פֿון אַ טאָפּ אויפֿן פֿײַער. סך־הכּל פֿיר טאַנקערס זענען צו אים געווען צוגעשפּאַנט. ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק צום לייטער וואָס נעמט אַרום דעם בויך פֿון רונדיקן טאַנקער ווי אַ גאַרטל. קיינער טאָר ניט זען בשעת ער קריכט אויף אים אַרויף. נאָך בײַ נאַכט האָט ער בײַם לעצטן טאַנקער געעפֿנט די שרויפֿן פֿון דער קליאַפּע כּדי אַלץ זאָל זײַן גרייט בשעת ער וועט וועלן זיך אַהין אַרײַנכאַפּן. דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען געהייצט, נאָר מע האָט ניט געוווּסט ווען דער עשאַלאָן וועט רירן פֿון אָרט. איעדער רגע קאָן דאָס פּאַסירן. לויט ווי דער רויטאַרמייער אין דערבײַיִקן דאָרף האָט אים געזאָגט, דאַרף דער עשאַלאָן הײַנט אַרויס אין וועג. אויף יעדן פֿאַל האָט ער באַשלאָסן צו זײַן וואָס פֿריִער אינעווייניק.

דער טאַנקער איז געווען נאַס און גליטשיק פֿון רעגן און פּעטראָל. אין דער הייך, דערגרייכנדיק צו דער עפֿענונג, האָט געלויערט די סכּנה ער זאָל זיך ניט אַרונטערגליטשן. ער האָט זיך אײַנגעקלאַמערט מיט די הענט ווי אויף אַ גליטשיקן רוקן פֿון אַ שווימענדיקן וואַלפֿיש. ער האָט אויפֿגעהויבן די ענגע קליאַפּע און זיך אַראָפּגעשטופּט אויף די שטאַפּלען פֿון אינעווייניקסטן לייטער. אינעווייניק, אויפֿן באָדן, איז געשטאַנען אַ שוואַרצע קאַלוזשע. וויפֿל טעג וועט ער דאַרפֿן שטיין אויף אָט דעם שמאָלן לייטער? און וואָס וועט זײַן אויב ער וועט אַנטדרימלט ווערן? ער האָט אַפֿילו ניט קיין שטריק מיט וועלכן ער זאָל זיך קאָנען צובינדן צום לייטער כּדי בײַם אײַנשלאָפֿן ניט אַראָפּ־צופֿאַלן אין דעם שטינקענדיקן פּעטראָל.

דער עשאַלאָן קאָן זיך שלעפּן טעג, און אַפֿילו וואָכן, ביז ער וועט אָנקומען צו דער רומענישער גרענעץ, האָט דער רויטאַרמייער אים געזאָגט. ער האָט אַראָפּגעקוקט צום דנאָ פֿון טאַנקער. די שוואַרצע קאַלוזשע האָט אָפּגעשפּיגלט דעם גוף פֿון אַ מענטשן־סקעלעט וואָס קריכט אויף אַ פֿאַרקערטן לייטער מיטן קאָפּ אַראָפּ צו אַן אונטערשטן אָשיקן הימל. טעג און וואָכן וועט ער דאַרפֿן אַזוי הענגען. און ווען אַפֿילו, איז וואָס?

נאָך אוישוויץ האָט ער אָנגעהויבן פֿילן דעם באַגריף צײַט ווי אַ בעטלער וואָס חלומט אַ וואָלקנבראָך מיט גאָלדענע מטבעות רעגנט צו אים פֿון הימל. ער שאַרט זיי צוזאַמען מיט די הענט. נאָך, נאָך, אָן אויפֿהער. פֿולע קעשענעס, פֿולע פּאָלעס. אוצרות פֿון מיליאָנען. ניט צו באַהערשן. צי איז ער ניט ווי אָט דער בעטלער? מיט אוצרות פֿון צײַט איז ער נאָך אוישוויץ פּלוצלינג געוואָרן באַרײַכערט. ער איז איצט אַ מיליאָנער פֿון צײַט. אַ מיליאָנער און אַ בעטלער צוזאַמען.

ער איז געשטאַנען ביז צום האַלדז אין טאַנקער. בלויז זײַן קאָפּ איז געווען אין דרויסן. דער שטח האָט זיך געשפּרייט פֿאַר זײַנע אויגן פֿון דער אומגעקערטער זײַט, און די סטאָדאָלע איז ניט געווען צו זען. כאָטש דער רעגן איז ניט געפֿאַלן, איז דער הימל ווײַטער געלעגן אויף דער ערד מיט אַן אַשיק־געדיכטער נעציקייט. בלויז אַן איינציק נאַקעט ביימל האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿון דער גראָער ווייסטקייט.

זײַנע הענט געקלאַמערט אינעם שטאַפּל פֿון לייטער, האָט ער ווידער געהאַט פֿאַר זײַנע אויגן דעם וואַלד וווּאַהין ער איז אַנטרונען געוואָרן געציילטע מינוטן איידער די ס.ס.־לײַט האָבן געעפֿנט די שיסערײַ. ער האָט אויף ס'נײַ געזען דעם בוים אין חאַלד אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן אַ טאָג און אַ נאַכט. ער האָט ווידער געפֿילט דעם דינעם צווײַג אָרום וועלכן זײַנע הענט האָבן זיך געקלאַמערט ווי עס קלאַמערן זיך איצט זײַנע הענט אין שטאַפּל פֿון לייטער; און ווי דעמאָלט האָט ווידער געקלונגען אין זײַנע אויערן דאָס קול וואָס האָט אים באַגלייט אין אוישוויץ ווי אַ באַפֿעל: דו זאָלסט לעבן!

אַנטקעגן זײַנע אויגן, פֿון דער נעפּלדיקער ווײַטקייט, האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ מענטשן־געשטאַלט. און בײַם דערנענטערן זיך — האָט ער דערקענט דעם העלן רעגן־מאַנטל. איצט האָט ער געקאָנט זען קלאָר: דאָס מיידל פֿון דער סטאָדאָלע! האַלב שיפּלשיך אויף די פֿיס, וואָס זענען פֿון צײַט צו צײַט געבליבן שטעקן אין די ליימיקע קאַלוזשעס. דאָס האָט איר געשטערט דעם גאַנג, זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, זיי אַראָפּגע־צויגן פֿון די פֿיס, און אַ באָרוועסע געגאַנגען פֿאָרויס צו אים. אויף דער האַנט ווי צום אָפּפֿאָר האָט זי געטראָגן אַ פּעקל פֿאַרבונדן אין אַ פֿאַטשיילע. — „נעם מיך מיט דיר", האָט געקלונגען אין זײַנע אויערן איר געבעט. זי האָט געקוקט אויפֿן עשאַלאָן מיט זוכנדיקע אויגן. זי האָט אים געוואָלט געפֿינען. זי האָט ניט געקאָנט זען זײַן קאָפּ אַן אַרויסשטעקנדיקן פֿון טאַנקער.

ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן האַנט — אַ צייכן צו איר. זי האָט אים דערזען, און איז פּלוצלינג אַנטרונען, פֿאַרשטעקנדיק זיך הינטערן ביימל, זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון עמעצנס אויגן.

פֿון דעם מילכוואָלקן לעבן לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אַרויסגעשיילט דער קאָנדוקטאָר. ער האָט מיט אַ לאַנגן אײַזן זיך געפּאָרעט לעבן די רעדער. געקלאַפּט. געעפֿנט. פֿאַרמאַכט. זי האָט נאָכגעקוקט זײַנע טריט. דער קאָנדוקטאָר זאָל זי ניט באַמערקן.

זי איז געשטאַנען אַ פֿאַרלאָזענע אין דער איינזאַמקייט. עס האָט אים וויי געטאָן דער צער פֿון איר איבערבלײַבן. נאָר דער לייטער אינעם טאַנקער איז שמאָל אַפֿילו פֿאַר זײַן אויסגעטריקנטן סקעלעט. און צי האָט ער געקאָנט אַ מינוט לענגער דאָ בלײַבן בשעת פֿאַר אים איז איצט דער שאַנס פֿון אַנטרינונג? ער האָט געפֿילט דעם שטומען, עלנטן וויי וואָס שרײַט צו אים פֿון אירע זוכנדיקע אויגן. פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער ווייסט אַפֿילו ניט איר נאָמען.

פֿון דער וועלט פֿון וואַנען זענען זיי קומען זענען זיי ניט געווען געוווינט צו נעמען. אין אוישוויץ האָסטו ניט געוווּסט דעם נאָמען אַפֿילו פֿון דעם שכן אויף דייַן פּריטשע. העפּטלינג! יעדער האָט געטראָגן דעם נאָמען: העפּטלינג.

פֿון ערגעץ אין זייַן זכרון האָט אויפֿגעטויכט אַ נאָמען. זייַן אייגענער לאַנג פֿאַר־געסענער נאָמען. ס׳איז אים באַפֿאַלן אַ רחמנות אויף דעם נאָמען, וואָס ניטאָ מער אויף דער גאַנצער וועלט אַפֿילו איין־און־אייַנציקער מענטש צו וועמען ער זאָל קאָנען צוריק־ברענגען זייַן נאָמען כּדי דעם מענטש צו דערפֿרייען.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ פֿאַרטויבנדיקן פֿייַף. זי איז געשטאַנען לעבן בוים און געדריקט צו אים דעם פּראָפֿיל פֿון איר פּנים.

אייַנציקוויַיז איז אַלץ געוואָרן מטושטש פֿאַר זייַנע אויגן. זיך דערוויַיטערט. בלויז אַ סילועט אין אַ העלן רעגן־מאַנטל האָט זיך נאָך אַ ווייַלע געצייכנט אויפֿן אַש פֿון אַ פֿאַרלאָשענער וועלט.

בשייַכות מיטן אַרויסגעבן דעם 75סטן נומער **די גאָלדענע קייט**, קומט פֿאָר אַן אויספֿאַרקויף פֿון די געבליבענע נומערן פֿון אונדזער זשורנאַל, ביזן נומער 60 אייַנגעשלאָסן פֿאַרן פּרייַז פֿון צוויי ל״י אַ נומער. ווענדן זיך צו דער אַדמיניסטראַציע פֿון **די גאָלדענע קייט**: רח׳ ויצמן 30, תל־אָבֿיבֿ.

פֿון דער וועלט פֿון וואַנען זיי קומען זענען זיי ניט געווען געווינט צו נעמען. אין אוישוויץ האָסטו ניט געוווסט דעם נאָמען אַפֿילו פֿון דעם שכן אויף דיַין פריטשע. העפּטלינג! יעדער האָט געטראָגן דעם נאָמען: העפּטלינג.

פֿון ערגעץ אין זיַין זכּרון האָט אויפֿגעטויכט אַ נאָמען. זיַין אייגענער לאַנג פֿאַר־געסענער נאָמען. ס׳איז אים באַפֿאַלן אַ רחמנות אויף דעם נאָמען, וואָס ניטאָ מער אויף דער גאַנצער וועלט אַפֿילו איין־און־איינציקער מענטש צו וועמען ער זאָל קאָנען צוריק־ברענגען זיַין נאָמען כּדי דעם מענטש צו דערפֿרייען.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַרויסגעלאָזט אַ פֿאַרטויבנדיקן פֿיַיף. זי איז געשטאַנען לעבן בוים און געדריקט צו אים דעם פּראָפֿיל פֿון איר פּנים.

איינציקוויַיז איז אַלץ געוואָרן מטושטש פֿאַר זיַינע אויגן. זיך דערוויַיטערט. בלויז אַ סילועט אין אַ העלן רעגן־מאַנטל האָט זיך נאָך אַ וויַילע געצייכנט אויפֿן אַש פֿון אַ פֿאַרלאָשענער וועלט.